# שיח צדיקים

## מתוך ביקור חג של כ"ק האדמו"ר רבי מאיר מאמשינוב זצוק"ל בסוכתו של כ"ק מרן אדמו"ר זי"ע חוה"מ סוכות תשל"ג, אושפיזא דיוסף

**קשרי ידידות ואהבה עמוקים שררו בין הצדיקים, מרן אדמו"ר זי"ע וכ"ק אדמו"ר רבי מאיר מאמשינוב זצוק"ל, ומעת לעת היו הולכים לביקור נימוסין זה אצל זה. אדמו"ר מאמשינוב היה רוחש כבוד והערכה מופלגת למרן זי"ע, ובאחד השנים, כשמסר ביד שליח משלוח מנות למרן זי"ע, הוסיף ואמר לו: "משלוח מנות איש לרעהו, מיין בעסטן ידיד - דער סלאנימער רבי"*.**

**במדור שלפנינו מוגשת בזאת שיחתם של צדיקים, מתוך ביקור שערך אדמו"ר מאמשינוב זצ"ל בחוה"מ סוכות שנת תשל"ג אצל מרן זי"ע.**

**אדמו"ר ז"ל:** לחיים, לחיים! דער אויבערשטער זאל העלפן זי זאל ווערן געזונט [**הרבנית מרת הדסה ע"ה**], ---

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** והשיאנו - אזוי ווי ס'שטייט - והשיאנו ה' אלוקינו את ברכת מועדיך לחיים ולשלום לשמחה ולששון. (אדמו"ר ז"ל: **משמח** את המקום **משמח** את הבריות (אבות פ"ו מ"א)) כאשר 'רצית', מיר ווילן אויכעט, כאשר רצית ואמרת לברכנו.

**אדמו"ר ז"ל:** מיר דאכט זיך אזוי, איהר ווייסט מן הסתם, [**אדמו"ר ז"ל מספר כאן מהרה"ק מרוז'ין זי"ע שהשתדך אצל אחד מילדיו עם אחד הנגידים**[1]] ביי די תנאים איז אריינגעקומען לחיים, האט דער רוז'ינער איהם געזאגט: דער אויבערשטער זאל ממלא זיין משאלות לבכם לטובה. [**שאלו המחותן:**] רבי, פארוואס טשעפעט איהר? ווען האבן מיר גיהאט א חוצפה צו בעטן ביים אויבערשטען איך זאל זיין אייער מחותן? גיט דאך מיר דער אויבערשטער מער פאר משאלות לבי!

[אחר שמספר המעשה בהרה"ק מרוז'ין זי"ע שהשתדך עם הנגיד רבי דוד הלפרין ז"ל] בעת התנאים הכניסו לחיים, ופנה הרה"ק מרוז'ין למחותנו ואמר לו: השי"ת ימלא משאלות לבכם לטובה. [שאלו המחותן:] רבי, מדוע תפגעו בי? וכי היה לי חוצפה לבקש מהשי"ת להיות מחותן עמכם? א"כ השי"ת נותן לי יותר ממשאלות לבי!

אבער אז מ'קומט צו גיין צום אויבערשטען, והשיאנו ה' אלוקינו, זאגט מען כאשר 'רצית', מיר האבן גאר נישט קיין שכל צו וויסן וואס דארף מען אונז גיבן פון דעם יו"ט, רבש"ע! גיב אונז פון דעם יו"ט וואס דו האסט געוואלט!

[וע"פ הנ"ל] כשבאים אנו לפני השי"ת, [ומבקשים בתפילה:] והשיאנו ה"א וכו' "כאשר רצית", שכן אנו אין לנו דעת להבין מה לבקש ולקבל מיו"ט זה, [ע"כ מבקשים אנו:] רבש"ע, תן לנו מיו"ט זה כפי רצונך.

1 רבי דוד הלפרין ז"ל

* עוד על הקשר המיוחד ששרר בין צדיקים אלו, עי' נחלי אמונה, קובץ טז, עמוד 58.

נאר די פשטות איז דאך עס אז אפילו א גוף פון א אידן איז דאך אזוי באליבט ביים אויבערשטען, כ'האב געטראכט, כ'האב געזעהן הונדערט אידן, גדולים, וואס זיי האבן אליין קיין מחשבה נישט געהאט אין שבת חוץ פון שבת, נאר לויפן מחלל שבת זיין אָן טראכטן אפילו א ישועה! זעהט מען וואס א אידישער גוף איז ביים אויבערשטען. איך רעד נישט חלילה אז מ'דארף פאררעכטן די נשמה, דאס מוז מען, אבער אז דער אויבערשטער האט אונז געגעבן דעם 'רצית', וואס ער וויל, וועט ער ממילא גיבן כל טוב[2].

בפשטות י"ל, שהרי אפילו גוף יהודי [ולא רק נשמתו] אהוב ביותר לפני השי"ת. הכרתי יהודים גדולים שבש"ק לא עברה בהם כל מחשבה מלבד המחשבה אודות השבת, ובכ"ז [אילו היו נצרכים לכך, היו] רצים לחלל שבת בלי להסס כלל [כדי להציל גופו של יהודי]. א"כ רואים אנו עד כמה נחשב גוף יהודי אצל השי"ת. [אעכו"כ] איני מדבר כאשר צריך לתקן את הנשמה, זה חובה ממש. אבל כאשר השי"ת מעניק לנו "כאשר רצית", כרצונו הטוב, אזי בוודאי יתן לנו כל טוב.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** --- **[שואל בקשר לסיפור הנ"ל, ואדמו"ר משיבו על כך:]**

**אדמו"ר ז"ל:** **[חוזר ומסביר המעשה הנ"ל עם הרה"ק מרוז'ין]** דער רוז'ינער האט איהם געזאגט, דער אויבערשטער זאל אייך דאס ממלא זיין. פון ווען אן האב איך גיהאט א חוצפה - זאגט ער **[מחו' של הרוז'ינער]** - צו קומען צום אויבערשטען און בעטן איך זאל זיין אייער מחותן? גיט דאך מיר דער אויבערשטער וואס איך וויס נישט וואס צו בעטן. דאס איז טייטש, דאס זאגט מען 'כאשר רצית ואמרת לברכנו', מיר וייסן גארנישט, מיר וייסן פון גארנישט וואס בלויז צו בעטן פון דיר, וואס דו זאלסט אונז גיבן.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל מאחל:** רפואות! א געזונטן ווינטער! א גוטן תמיד! **[ומבקש את ברכתו של מרן זי"ע]**.

**אדמו"ר ז"ל:** אודאי, דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל קענען ---

לחיים! מ'זאל זוכה זיין צו גיין אקעגן משיח'ן.

--- געהערט פון רבי יודא לייב'ן וואס האט געהערט פון קאברינער ז"ל: אין אמת'ן זאגט ער, וואלט איך גיהאט אַן עצה **[כאשר בא לאדם נסיון]** 'יזכיר לו יום המיתה', זאגן יונגעלייט אז עס איז מרה שחורה (הגם באמת איז דאס נישט קיין מרה שחורה), אבער עס איז דא אַן עצה – 'אחכה לו בכל יום שיבוא', וואס פאר א פנים וועט מען האבן גיין אקעגן משיח'ן אז מיר האבן נישט קיין נסיון --- אבער בכל יום, וואס דארפסטו זיך יעצט פארפאטשקענען ---

בשם רבי יודא לייב ששמע מהרה"ק מקאברין ז"ל שאמר: [כאשר בא לאדם נסיון] הייתי נותן את העצה של "יזכיר לו יום המיתה". אולם האברכים מתלוננים שעצה זו מביאה אותם לידי מרה-שחורה (הגם שאין בכך משום מרה-שחורה), לכן עבורם יש עצה אחרת, והיא העצה של "אחכה לו בכל יום שיבוא" – וכי איזה פנים יהיה לנו, כאשר נלך לקראת משיח אילולי הניסיון [כלומר: אם לא נעמוד בנסיון]. אבל [צריך אדם לחיות בעצה זו] "בכל יום", [ולומר לעצמו] מדוע זה עתה תאבד עצמך ---

ווען מיין פאטער ז"ל איז געקומען קיין ארץ ישראל - מיין פאטער איז אלט געווען פערצן יאהר - (די ברודער דער פעטער[3] איז געקומען מיט איהם) איז ער געקומען צו מיין שווער - מיין שווער איז פריערט דא שוין געווען[4] - איז מען אנגעקומען ביינאכט, אמאל איז דאך נישט געווען קיין טלגרמות מ'זאל די זאכן וויסן, **[ר"מ התרגש כ"כ וקרא:]** דער זיידע איז אויך דא?! משיח איז אויך דא?! --- דער זיידע איז אויך דא, משיח איז אויך דא?!

כשאבי ז"ל [רבי נח זצ"ל] עלה לא"י, בהיותו בן י"ד שנים, הגיע ראשונה לבית חמי ז"ל, שעלה לא"י קודם לו. ר' נח הגיע אליו בלילה, שכן בשנים ההם לא היתה האפשרות להודיע קודם על בואו ע"י טלגרמות. [כשראהו ר' מוטקע ז"ל, התרגש וקרא לעברו:] האם הסבא גם הוא הגיע? ומשיח גם הוא פה?

---

2 הרבי מתייחס בקטע זה בהמשך לדבריו הקודמים שמבקשים אנו ביו"ט מהשי"ת "כאשר רצית", ומבאר שרצונו ית' כולל הן צרכי הגוף והן צרכי הנשמה. ולכך הוא מוסיף ומבאר במעלת גופו של איש יהודי שהיא אהובה לפניו ית', וק"ו הנשמה, (אולי אמר זאת בנוגע למצב בריאותה של הרבנית ע"ה שהוזכר קודם לכן בשיחתם).

3 הרה"צ ר' נח ז"ל הגיע אז לארה"ק בלווית אחיו מרן מוהר"ש זי"ע

4 הרה"צ ר' מרדכי לידר זצ"ל שכבר עלה לארה"ק בשנת תרי"ב

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** --- דאס מיינט מען ב'היסח הדעת'[5] ---

**אדמו"ר ז"ל מבקש את ברכתו של האדמו"ר מאמשינוב ואומר:** נו, להניח ברכה בתוך ביתך שטייט דאך.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** געזונטערהייט! מנוחה ושמחה מיט הרחבת הדעת!

## כאן קמו לצאת והמשיכו לדבר בעמידה:

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** איהר גייט אמאהל ארויס אביסל בכלל אויף לופט? איך וייס נישט צו איך בין אייך מחוייב צו זאגן [**שיצא קצת לשאוף אויר, כי היה אדמו"ז טרוד בענין הרבנית ע"ה**].

**אדמו"ר ז"ל:** איך האב אייך דאך געזאגט אז איהר דארפט דאך נאך אויסבעטן אז זי זאל נאר געזונט ווערן, זי זאל מיר קענען יא לאזן.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** מ'רעדט דאך ---

**אדמו"ר ז"ל:** ניין, ניין, ניין, איך זאג דאס נישט נאר פאר קיין חכמה, איך זאג דאס ערנסט, ערנסט.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** ארום די שטוב, ארום דו שטוב.

**אדמו"ר ז"ל:** זאג איך דאך אייך טאקע, אז ארום די שטוב דארף איך האבן ווען.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** מ'ברויך איהר אויסצולערנען זי זאל וויסן דעם דין פון 'נסתחפה שדהו'[6]

**אדמו"ר ז"ל:** ניין --- ס'דא שוועריקייטן. די צייטן וואס מ'קען, דער אויבערשטער העלפט.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** קיין חזקה איז נישט דא דערביי. נישט דא קיין חזקה.

**אדמו"ר ז"ל:** יא, אודאי אזוי. ס'איז דאך אזוי, ס'איז דא צייטן וואס מ'קען נישט גיין, איז דאך דא די איינציגע צייטן וואס דענסמאלט קען מען ארויסנעמען און גיין, און דעמאלס קען איך נישט אוועק גיין. ס'איז נישט חלילה, איך ווארף גארנישט צוריק[7], נישט איך בין פארנומען, איהר האט דאך געזעהן אז איך קען זיך זיצן דא ביים סטנדר און לערנען, נאר אוועק גיין זי לאזן אזוי, קען חלילה זי פאלן.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** שטייט דאך 'עושה צדקה בכל עת' (תהלים קו, ג), עושה חסד בכל עת, איז מען דאך עוסק אין א מצוה יעדע רגע, מ'איז דאך עוסק אין די מצוה פון 'מכבדה יותר מגופו' (יבמות סב:) ---

**אדמו"ר ז"ל:** ניין, מדארף נישט, איך זאג פשוט'ער, א קראנקער מענטש

5 רומז למאחז"ל שאין בן דוד בא אלא בהיסח הדעת

6 דין "נסתחפה שדהו" ענינו מורה, כי פעמים בא לאדם נזק אך אינו יכול לבוא בטענה לזולתו, כי זה דרך העולם, ועליו להבין זאת ולספוג את הנזק.

7 כלומר שאינו מחזיר לו עורף לבקשתו, פשוט, אינו יכול

איז דאך פטור פון אלעס דינג'ס, איז דאך וואס מ'טוט איז דאך גוט (מה שעושים למענה). ממילא דער אויבערשטער זאל העלפן בעסער און בעסער, בעסער האבן עוולות פארוואס מ'לערנט נישט, ווי איידער זיין פריי דורך דעם...

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, קען ער דאך מאכן געזונט אויכעט בכל יום תמיד!

**אדמו"ר ז"ל:** איך האב אמאהל געזעהן פון דעם הייליגען רוז'ינער, המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית. איז א חלק זמן וואס א מוח פון א בשר ודם קען גאר נישט אויסרעכענען, בשעת מעשה איז מיר אויס געקומען עס זאגן אז, למשל, א רגע צוטיילן אויף א מיליאן, איז דער אויבערשטער מחדש די בריאה, נאר ער איז תוכף איין בריאה צו דער אנדערער, איז עס א המשך. איהר ווייסט דאך די לשונות פון די דאס... [**כנראה הכוונה למושגים מתורת הקבלה**] כשיעלה רצונו הטוב, כרצונו הפשוט, ער זאל אינמיטן נישט-מאכן [**היינו לעצור המשך שפע הבריאה**], איז יענער בריאה האט זיך געענדיגט, די נייע וועט נישט זיין, ס'וועט זיין אזוי ווי פאר בריאת העולם (וואס מ'טאר נישט טראכטן), און דאס איז א חיזוק גדול לבעלי תשובה!

א איד אז ער וויל זיך אומקערן צום אויבערשטען, קומט דער יצה"ר און זאגט איהם: נֶע! נא'דיך דיר, איידער דו האסט געטוהן די אלע מעשה'ס, וואס ווילסטו איצטער?! וועסט איהם זאגן - אזוי שטייט דארטן דער לשון - 'דער יענקל איז נישט יענער יענקל'!, יענער יענקל איז געווען א רשע, **איצטער איז א נייער יענקל! א צדיק! וזה חיזוק גדול לבעלי תשובה.**

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** שינוי השם שינוי מעשה!

**אדמו"ר ז"ל:** און דער הייליגער לובלינער זאגט: פארוואס דארף שטיין אי 'בכל יום אי 'תמיד', אז ס'וואלט געשטאנען בכל יום - גוט, ער איז מחדש יעדער טאג, און אז ס'שטייט 'תמיד' איז דער טייטש אז ער האט געמאכט אין 'בכל יום' הערשט 'תמיד', איז דער טייטש זאגט ער, אין יעדער חלק זמן וואס א מענטש קען נישט צוקומען.

און אונז האט דאך דער אויבערשטער געגעבן אידן א באזונדערער מתנה, אז מ'איז געקומען צום בארג סיני איז געווען די ערשטע רגע 'ביום הזה' (שמות יט, א), פארוואס שטייט 'ביום הזה', פארוואס שטייט נישט 'ביום ההוא', שיהיו בכל יום בעיניך כחדשים. האט אונז דער אויבערשטער געגעבן אז די קבלת התורה זאל אויך קענען זיין בכל יום, און משה רבינו אז ער האט זיך געזעגענט מיט אונז (דברים כו, ט) 'היום הזה ה' מצוך' איז ווייטער דאס אייניגע [**שהרי גם כאן נאמר הלשון "היום הזה"**], בכל יום יהיו בעיניך כחדשים. האבן מיר דעם חידוש מעשה בראשית וואס איז כולל אלע ברואים, און ווייטער וואס מ'האט געגעבן די אידן זייער תורה, און איצטער דארף מען נאר האבן מ'זאל קענען שטיין נענטער און צו מקבל זיין.

אומרים "המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית", ואם מחדש הוא את כל הבריאה בכל יום, וודאי יכול הוא להברות את החולה בכל יום תמיד.

ראיתי פעם בשם הרה"ק מרוז'ין על מה שאומרים "המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית", שאילו ניקח חלק זמן שאין ביכולתו של בשר ודם לשערו, כגון אחד חלקי מליון מתוך רגע אחד, אזי בכל חלק כזה השי"ת מחדש את הבריאה. אלא שסומך בריאה אחת לחברתה, ומכך נוצר המשכיות הזמן וכו'. ואם רק יחדל מלחדש את הבריאה, אזי תחדל הבריאה הקודמת ולא תתחדש שוב, ואז יחזור העולם לקדמותו כפי שהיה קודם בריאת העולם (שאסור לחשוב אודות זה). ורעיון זה חיזוק גדול הוא לבעלי תשובה.

כשאיש יהודי רוצה להתקרב אליו ית', מגיע היצה"ר ואומר לו: לפני שאתה בא להתקרב, וכי מה רוצה אתה כעת?! [כלומר, הן כבר נסית ולא עלתה בידך, וראה כמה חטאים כבר בידך]. אזי תאמר לו: "יענקל זה אינו אותו יענקל, אותו יענקל רשע היה, ועתה הוא יענקל חדש! צדיק!", ומאמר זה הוא חיזוק גדול לבעלי תשובה.

בשם הרה"ק מלובלין: מדוע נאמר גם הלשון "בכל יום" וגם לשון "תמיד". כי אילו היה כתוב "בכל יום" בלבד, סבורים היינו שמא הבריאה מתחדשת בכל יום פעם אחת. לכן נאמר הלשון "תמיד" לרמוז כפי' הנ"ל שמתחדשת היא בכל חלק זמן, חלק כזה שאין בכוחו של אדם לעמוד עליו.

ולנו, בני ישראל, נתן השי"ת עוד מתנה, והיא מה דכתי' בבואם אל הר סיני - "ביום הזה". מה שנא' "ביום הזה" ולא "ביום ההוא", כמו שאחז"ל "בכל יום יהיו בעיניך כחדשים". מתנה זו נתן לנו השי"ת שבחי' זו של קבלת התורה תתחדש בכל יום.
כמו כן, כשבא מש"ר ונפרד מבני ישראל ואמר להם "היום הזה ה' מצוך", מצינו בדבריו את הענין האמור [שהרי גם שם נאמר הלשון "היום הזה"] – בכל יום יהיו בעיניך כחדשים. א"כ לנו – בני ישראל – יש ב' מתנות, חידוש מעשה בראשית (מתנה הכוללת את כל ברואי תבל), והמתנה השניה היא קבלת התורה המתחדשת בכל יום תמיד, ועתה כל מגמתינו היא להתקרב אליו ולקבלה.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** מאי דהוה הוה, מכאן ואילך חושבנא אויף יעדע רגע, כל ימי חיי אדם, מאי דהוה הוה, די רגע איז געווען, מכאן ואילך חושבנא (ילקו"ש תורה רמז תרנא), איז דא א פרישער וועלט!

**אדמו"ר ז"ל:** און דערפאר דאס איז דאך דער סוכות, וואס איז מען געקומען צו אַן עצה ווי אזוי מ'זאל מיר דאס נעמען? דער אויבערשטער זאגט דאך אני ה' מקדשכם (שמות לא, יג), גוט, גיט ער, אבער מיר דארף מיר דאך נעמען, האט ער אונז געגעבן אַן עצה און געזאגט משה 'לך והודיעם' (שבת י:), גיב זיי דעת, הוסיף משה יום אחד מדעתו (שם פז.). קומט צו גיין דער רבש"ע און גיט אונז סוכות 'למען ידעו דורותיכם' (ויקרא כג, מג), אין דער סוכה גיט ער אריין אז מ'זאל קענען ביי משה מקבל זיי דעם דעת. איז דאך דאס לדורותיכם, ער זאגט דאך בפירוש 'לדורותיכם', אויף אייביג, זאל דער אויבערשטער העלפן מיר זאלן דאס נעמען.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** 'אזנים כרית לי' (תהלים מ, ז) - שטייט פון ספרים - 'אוזן' הייסט דאך מקבל צו זיין[8], 'אוזן שומע', אז די אזנים, די קבלה, איז אויכעט כרית לי, גיט דאס דער כח מ'זאל קענען מקבל זיין. אזנים כרית לי, דו האסט כורה געווען די אזנים כדי צו קענען מקבל זיין נאך.

א גוטן יו"ט! א גוטן תמיד! געזונט און שטארק! און שמחות!

**אדמו"ר ז"ל:** אמן! דער אויבערשטער זאל העלפן, קודם כל פשוט, אז זי וועט זיין געזונט און אז כ'וועל קענען קומען צו אייך - איך רעד נישט פון אנדערע --איז דאך א סימן אז איך וועל קענען גיין.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** דא איז דאך אויך ביי מיר!... [**ואומר בשמחה:**] כל ישראל יוצאין בסוכה אחת! כל ישראל יוצאין בסוכה אחת! (סוכה כז:)...

**אדמו"ר ז"ל:** [**אדמו"ר מאמשינוב רצה למנוע מאדמו"ז ללוותו**] איהר געדענקט אז איך האב אייך שוין איינמאהל געזאגט[9] פאר וואס איך גיי. האב איך געזאגט ווייל דאס פלאנצט מען ביי קינדער אז זיי זאלן זעהן אז תלמידי חכמים אוהבין זה את זה און זענען מכבד זה את זה, איז יעדער איינער ווייסט אז ער דארף יענעם מכבד זיין, ביי איהם ווייסט ער נישט פארוואס ער איז געקומען צו איהם, אבער ביי דעם צווייטן יא. אין קינדער דארף דאס איינגעפלאנצט ווערן, פון קליינערהייט אָן דארפן זיי דאס זעהן.

ווייל וואס איז איינגעפלאנצט גיווארן ביי מיר פון קליינערהייט פון די אידן[10], וואס ממש, פון קליינערהייט... פון דריי יאהר, האב איך געהערט פון א אידן [**אדמו"ר מזמר כאן במתיקות נפלאה**]: לבי ובשרי ירננו אל א-ל חי, און איך האב נישט געוואוסט וואס ער זאגט, ווייל איך האב נאך נישט

8 עי' ערבי נחל פר' נצבים (דרוש א), וז"ל: זהו שאמר אדוננו דוד המלך ע"ה, אחרי שהתחיל לומר רבות עשית כו', המדבר מחקירת הידיעה והבחירה וכמש"ל, הוסיף לבאר תירוץ על זה ואמר, הנה אזנים כרית לי, ר"ל כבר עשית לי הכנה להיות צדיק כאלו כרית לי אזנים שיהיו בית קיבול לשמוע דבריך.

9 היה זה שנים אחדות קודם לביקור זה, כאשר ביקר את אדמו"ר זי"ע בביהמ"ד ואז אמר לו אדמו"ר זי"ע הטעם שמלווהו.

10 הכוונה לזקני אנ"ש בטבריא

זהו ענין חג הסוכות, הבאה לתת לאדם עצה איך לקבל המתנה הנ"ל. וכן גבי' מה שנאמר "אני ה' מקדישכם", צריך לדעת כיצד אפשר לקיים ולהחזיק בקדושה זו. והעצה לזה היא מה שנאמר למש"ר "לך והודיעם" – תן להם בחי' דעת, לזה הוסיף משה יום אחד מדעתו. ועפי"ז י"ל שלכן נתן לנו השי"ת את חג הסוכות – "למען ידעו דורותיכם". סגולתה של מצות הסוכה לזכות למידת הדעת, וכמו שנא' בפירוש "לדורותיכם", היינו לתמיד. יעזור השי"ת שאכן נזכה לקבלו.

כתיב "אזניים כרית לי", ואיתא בספרים, אוזן ענינו "קבלה", שהרי האוזן הוא האיבר ששומע ומקבל, ואתה הוא שכרית לי כוח זה של הקבלה. ידיעה זו שהשי"ת הוא שנתן לנו את כח השמיעה היא הנותנת כח לאדם שאכן יקבל לבסוף. אזניים כרית לי – אתה כרית לי את האזניים [את כוח הקבלה] כדי [שע"י ידיעה זו] אוכל לקבל עוד.

השי"ת יעזור, ראשית בפשטות, שתבריא [הרבנית ע"ה] ואז אוכל לבוא אליכם וכו'...

הן כאן הוא גם "אצלי" [שהרי איתא] כל ישראל יוצאין בסוכה אחת וכו'.

[בתגובה לכך שאדמו"ר מאמשינוב רצה למנוע מאדמו"ז ללוותו] ודאי זוכרים הינכם שכבר אמרתי לכם פעם מדוע הנני מלווה אתכם, ואמרתי כי זה נוטע בקרב הצעירים למען יראו שת"ח אוהבין זה את זה ומכבדין זה את זה, ועי"ז יבין כ"א מהם שצריך לכבד את זולתו וכו'. דבר זה צריך לנטוע בקרב הילדים, ומנעורותם עליהם כבר לראות זאת.

בהיותי בן ג' שנים, שמעתי מיהודי [הוא החסיד רבי הערש מיכל, ואדמו"ר מזמר כאן במתיקות נפלאה] "לבי ובשרי ירננו אל א-ל חי", ועדיין לא הבנתי מה הוא אומר, כי עדיין לא הייתי יודע להתפלל בסידור. [וגם כיום] כאשר השי"ת עוזר לי, אזי בליל ש"ק נזכר אנוכי במה ששמעתי ממנו, והריני כשומע עתה ממש איך הוא חוזר על זה.

געקענט זאגן קיין סידור, נאר אז גאט העלפט מיר אמאהל אז פרייטיג צו נאכט'ס דערמאן איך זיך ווי אזוי איך האב דאס געהערט פון איהם, הער איך ווי ער זאגט! [**אדמו"ז אומר לנוכחים שידעו מי זה היה:**] ר' הערש מיכל. איך האב דאס הערשט פארציילט מיין אייניקל.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** דאס הייסט אויך 'גירסא דינקותא'.

**אדמו"ר ז"ל:** וואס א קינד זעהט, למעשה, פאר דערפאר שטייט (ברכות ז:) גדולה שמושה **יותר** מלמודה. אז מ'זאגט איהם הייבט ער אָן צו זאגן, דער איד האלט ביי העכערס איך וויס וואס, ווען ער ווייסט ביי וואס איך האלט, וואלט ער גאר די רייד צו מיר נישט גערעדט, ס'ווערט בטבעיות [**הדבר נקבע בלבו כאשר רואה הנהגתו של המשפיע**].

איך בין דאך געוועזן א מנהל פון פירן קינדער האב איך דאך גידארפט ליגן אין די פסיכולוגיה דערפון, וויס איך. פריעהרט פארלייגט ער כל הכלים איך זאל רעדן צו איהם, און בשעת מעשה דאכט זיך איהם אז ווען די רבי ווייסט וואס ביי מיר איז וואלט ער דאס נישט געזאגט. און ווען איך האב נישט געזאגט גארנישט, נאר ער האט געזעהן וואס איך האב געטוהן, דאס בלייבט! פשוט אָן קונצ'ן! דאס איז גדולה שמושה יותר מלמודה[11].

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** ממנו יראו וכן יעשו! דער עיקר דאס זעהן! ממנו יראו וכן יעשו! [12]

**אדמו"ר ז"ל:** טאקע א הייליגער ווארט! טאקע א הייליגער ווארט!

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** דער עיקר נאר איז 'קחו עמכם דברים' (הושע יד, ג), פלעגט מען זאגן ביי אונז אז די דיבורים וואס מ'רעדט, זאל מען האלטען דערביי, צו זעך, קחו 'עמכם' דברים.

**אדמו"ר ז"ל:** אבער איך וויס נישט, איך לערן פאר מיר אזוי דא אָפּ: אויב חלילה איך רעד זיי, איך וויל רעדן אז יענער זאל הערן אז איך האלט דערביי, איך וויל איהם אָפּנארן. אבער אויב נישט, וואס זאל איך טוהן אז איך האב איהם נישט, דער תורה האט אנגעזאגט, וואס דער אויבערשטער העלפט, אז ס'איז דא א אידן, וואס איך האב א זאך וואס יענער האט נישט געזעהן, און איך קען עס איהם זאגן, וואס זאל איך טוהן אז איך האב עס נישט, זאל איך איהם נישט זאגן?! אויב חלילה, אודאי, דער אויבערשטער זאל אפהיטן אז איך וויל יענעם וויזן אז איך וויס וואס צו זאגן [**ובעצם איני אוחז במדרגה זו**] אודאי, דאס נישט!

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** ווי מעג זאגן ליגנט? ווי קענט איהר דאס זאגן[13]?...

**אדמו"ר ז"ל:** ס'איז נישט קיין ליגנט ח"ו...

וזה מה דאיתא "גדולה שימושה יותר מלימודה", כי אם רק "אומרים" לו לתלמיד מה צריך לעשות, יכול הוא לחשוב שכנראה מחנך זה אוחז במדרגות רמות, אך אילו היה יודע את מצבי ומעמדי לא היה מדבר אלי כדברים האלה. [אבל כאשר רואה את התנהגותו האישית של המחנך] הדברים נקלטים אצלו בטבעיות.

מתחילה עושה התלמיד את כל המאמצים כדי שהמחנך יבוא וידבר עמו, אולם כשהדבר בא לכלל מעשה, מדמה הוא במחשבתו כי אילו היה רבו יודע על המתרחש בקרבו, כנראה לא היה מדבר כפי שהוא מדבר כעת. אמנם כשהמחנך אינו מרבה בדיבורים, והתלמיד רק "רואה" את התנהגות רבו, דבר זה הוא הנחקק בלבו, ללא כחל ושרק. זהו פי' המאמר "גדולה שימושה יותר מלימודה".

העיקר הוא שיהיה בבחי' "קחו עמכם דברים", והיו מפרשים דהיינו שנאחז במדרגת הדיבורים שאנו מדברים. וזהו שנאמר "קחו **עמכם** דברים" [כלומר, שניקח לעצמינו את הדיבורים שאנו מדברים לאחרים].

אנו מפרשים כך את הכתוב הנ"ל: אם מדבר אני חלילה, כדי שהשני ישמע [כלומר, מתוך כוונה שהשומע יהיה סבור שאכן אני אוחז במדרגת הדיבורים הללו], א"כ מנסה אני לרמות [ודבר זה אסור]. אבל אם לאו [שאין כוונתי לרמות], מה אעשה שעדיין לא הגעתי לדרגת הדיבורים וכו', וכיוון שהשי"ת עזר שיש לי דבר [דיבור] שזולתי לא ראה כמותו, ואני יכול למסור לו זאת, מה אעשה שאין לי אותו [כלומר, שאיני אוחז בדרגת הדיבורים שבפי], האם משום כך לא אומר לו את הדיבור?!

11 ולכן כשת"ח מכבדין זה לזה כבר לא צריכים לומר כלום. מספיק רק לראות את זה ולוקחים מזה לקח, ולכן ממנו "יראו" וכן יעשו.

12 עי' פלא יועץ מערכת כבוד חכמים, שאף מי שהוא מתחיל בדרכי הלימוד, ראוי אפילו לחכם גדול שיחלוק לו כבוד, כדי שממנו יראו וכן יעשו, וכדי לחבב את התורה על לומדיה.

13 רומז לאדמו"ר כאילו היה אומר על עצמו שאינו אוחז בדרגת הדיבורי קודש שבפיו.

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל** [**בחיוך רחב על שפתיו וקפץ ממקומו ברוב שמחה**]: ווי מעגט איהר זאגן ליגנט אז איהר האלט נישט דערביי?...

**אדמו"ר ז"ל**: מיר האבן נישט גערעדט איצטער פון מיר מיט איהם, מיר האבן גערעדט פונעם ווארט, אז מ'דארף האלטן, האלטן איז דער טייטש: נישט וועלן זאגן וויל איך **וויל** עס זאגן, אבער אויב מען **דארף** א אידן זאגן, פארוואס נישט?!

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** למימרא איניש לנפשיה!

**אדמו"ר ז"ל:** ווייל מיר האט דער פעטער ז"ל [**אדמו"ר מוהר"ש זי"ע**] אזוי געשריבן: האסט געהערט א ווארט, האט דיר דער אויבערשטער גיהאלפן האסט דאס אריין גענומען, פארוואס פארגינסטו דאס נישט נאך א אידן. אויב נישט, זאג עס איבער א צווייטען אידן אפשר וועט 'ער' דאס דערהערן, איז פון איהם וועט זיך עס אומקערן צו דיר ב'אור חוזר'.

דודי ז"ל [אדמו"ר מוהר"ש זי"ע] כתב לי: אם שמעת ווארט, אזי אם השי"ת עזר לך ואמצת אותו אל לבך, מדע לא תיתן אותו גם לזולתך?! אם לא זכית לאמצו, מוטב כי תאמרנו לאיש אחר, אפשר שהלה כן יאמצו אל לב, וממנו יחזור המאמר אליך ב"אור חוזר".

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** רצוא ושוב! והחיות רצוא ושוב! (יחזקאל א, יד).

**אדמו"ר ז"ל:** איך זאג אייך נאך זיין לשון: 'באור חוזר'.

אני חוזר בלשונו [של אדמו"ר מוהר"ש]: "באור חוזר".

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** דער אויבערשטער זאל העלפן פתקא טבא, א גוטן והשיאנו ה"א את ברכת מועדיך לחיים ולשלום לשמחה ולששון.

**אדמו"ר ז"ל:** הושענא רבא!

**אדמו"ר מאמשינוב ז"ל:** נו, נו, איהר רעדט העכערע זאכן איך רעד אין פשטות, איך וויל אייך געבן א ברכת הדיוט מאכן א פשוט'ע ברכה, מ'זאל זיין געזונט און שטארק און א געזונטן ווינטער און האבן מנוחה אין שטוב און הרחבת הדעת!

**אדמו"ר ז"ל:** אמן, און דער אויבערשטער זאל אייך גיבן אז די אידן וואס קומען צו אייך און צו מיר און צו איהם זאלן נישט דארפן פארדילן דעם קאפ מיט נארישקייטן, זאל זיי דער אויבערשטער גיבן כל טוב!

**א גוטן יום טוב! א גוטן תמיד!**



כ"ק אדמו"ר רבי מאיר מאמשינוב זצוק"ל